  

בעסער פאר ארבעטער

ארבעטער'ס פארגיטיגונג דיסאביליטי בענעפיטן באצאלטע פאמיליע אורלויב

NEW YORK STATE Workers' Compensation Board

# פארשטיין איינגעשטעלטע בענעפיטן

די ניו יארק סטעיט ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד (Workers' Compensation Board, WCB) (באורד) איז פאראנטווארטליך פאר דריי סארטן אינשורענס: ארבעטער'ס פארגיטיגונג, דיסאביליטי בענעפיטן, און באצאלטע פאמיליע אורלויב, ווי אויך פאר בענעפיטן פאר וואלונטיר פייערלעשער און אמבולאנס ארבעטער. מיר זענען אויך פאראנטווארטליך פאר די רעגיסטראר פון ווארלד טרעיד צענטער ארבעטערס און וואלונטירן. ליינט ווייטער פאר א קורצע איבערבליק איבער אונזערע מערסט-באנוצטע בענעפיטן.

## ארבעטער'ס פארגיטיגונג

ארבעטער'ס פארגיטיגונג אינשורענס שטעלט צו פארלוירענע געהאלט בענעפיטן און מעדיצינישע באהאנדלונג אין פאל וואס אן ארבעטער ווערט געשעדיגט אדער קראנק צוליב זיין ארבעט. אין אלגעמיין, זענען אלע ארבעטער געדעקט פאר ארבעטער'ס פארגיטיגונג.

### פארלוירענע געהאלט בענעפיטן

אין מערסטנס פעלער, זענען ארבעטער'ס פארגיטיגונג פארלוירענע געהאלט בענעפיטן צוויי-דריטל פון אן איינגעשטעלטע'ס דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט (AWW) פארמערט לויט זייער שטאפל פון דיסאביליטי, וואס איז א פראצענט פון ווי שטארק זיי זענען באגרעניצט.

**⅔ AWW x % פון דיסאביליטי = וועכנטליכע בענעפיט**

*באמערקונג: ארבעטער'ס פארגיטיגונג פארלוירענע געהאלט בענעפיט באצאלונגען זענען פטור פון שטייער.*

פאר ארבעטער'ס פארגיטיגונג, איז די AWW באזירט אויף די גראוס פארדינסטן פונעם ארבעטער, אריינגערעכנט אווערטיים און אנדערע פארגיטיגונג, פאר די 52 וואכן איידער'ן דאטום פון ווען מען איז געווארן געשעדיגט אדער קראנק. ארבעטער'ס פארגיטיגונג פארלוירענע געהאלט בענעפיטן זענען אויסגעשטעלט צו א מאקסימום וועכנטליכע סומע, באזירט אויף די יאר וועו דער איינגעשטעלטע איז געשעדיגט געווארן (זעט טאוול).

| וועכנטליכע פארלוירענע געהאלט בענעפיטן | |
|---|---|
| דאטום פון שאדן/קראנקהייט | מאקסימום סומע |
| יולי 1, 2025 – יוני 30, 2026 | 1222.42 דאלאר |
| יולי 1, 2024 – יוני 30, 2025 | 1171.46 דאלאר |
| יולי 1, 2023 – יוני 30, 2024 | 1,145.43 דאלאר |
| יולי 1, 2022 – יוני 30, 2023 | 1125.46 דאלאר |
| יולי 1, 2021 – יוני 30, 2022 | 1063.05 דאלאר |
| *פאר פריערדיגע יארן, באזוכט* wcb.ny.gov | |

די מאקסימום וועכנטליכע בענעפיט איז באזירט אויף די ניו יארק סטעיט דורכשניטליכע וועכנטליכע געהאלט New York State Average Weekly) (Wage, NYSAWW, באשטימט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר (Department of Labor) יעדע יאר.

די מינימום וועכנטליכע פארלוירענע געהאלט בענעפיט איז אויך געווענדן אין די דאטום פונעם שאדן/קראנקהייט. די מינימום וועכנטליכע בענעפיט איז 150 דאלאר פאר ארבעט-פארבינדענע שאדן/קראנקהייט וואס האבן פאסירט צווישן 5/1/13 און 12/31/23; 275 דאלאר פאר שאדן/קראנקהייטן וואס האבן פאסירט אין 2024; און 325 דאלאר פאר שאדן/קראנקהייט וואס האבן פאסירט אין 2025. אנגעהויבן פון 2026, וועט די מינימום בענעפיט לויפן לויט א פינפטל פון די NYSAWW.

עס זענען דא געוויסע באגרעניצונגען אויף פארלוירענע געהאלט בענעפיטן געווענדן אין וויפיל צייט אן איינגעשטעלטע פעלט פון די ארבעט:

- **זיבן טעג אדער ווייניגער:** דער ארבעטער באקומט נישט קיין ארבעטער'ס פארגיטיגונג פארלוירענע געהאלט בענעפיטן.
- **אכט ביז 14 טעג:** דער ארבעטער באקומט ארבעטער'ס פארגיטיגונג פארלוירענע געהאלט בענעפיטן אנגעהויבן פון די אכטע פארפעלטע טאג.
- **15 טעג אדער מער:** דער ארבעטער קען באקומען ארבעטער'ס פארגיטיגונג פארלוירענע געהאלט בענעפיטן פון די ערשטע טאג וואס זיי האבן געפעלט פון די ארבעט.

נויטיגע מעדיצינישע קעיר ווערט געדעקט פאר אלע ארבעט-פארבינדענע שאדן אדער קראנקהייטן, אפגעזעהן וויפיל צייט מען פעלט פון די ארבעט.

## ארבעטער'ס פארגיטיגונג (המשך)

### מעדיצינישע באהאנדלונג בענעפיטן

לעבנסלענגליכע מעדיצינישע באהאנדלונג פאר די ארבעט-פארבינדענע שאדן אדער קראנקהייט ווערט צוגעשטעלט אומזיסט פאר איינגעשטעלטע דורך באורד-אויטאריזירטע פראוויידערס.

מעדיצינישע באהאנדלונג ווערט געדעקט אפגעזען צו אן ארבעטער פארלירט צייט פון די ארבעט אדער ער באקומט א בענעפיט פאר פארלוירענע געהאלט. דער ארבעטסגעבער'ס אינשורענס פירמע וועט באצאלן מעדיצינישע בילס פאר אן איינגעשטעלטע'ס שאדן אדער קראנקהייט דירעקט צו זייער העלט קעיר פראוויידער; איינגעשטעלטע דארפן נישט אליין אויסלייגן די געלט. איינגעשטעלטע קענען מעגליך אויך צוריקבאקומען געלט פאר מיילעדש, פובליק טראנספארטאציע, אדער אנדערע נויטיגע אויסגאבן וואס האט זיך זיי געמאכט ביים רייזן פאר באהאנדלונג.

## דיסאביליטי בענעפיטן

דיסאביליטי בענעפיטן אינשורענס טוט צושטעלן צייטווייליגע קעש בענעפיטן פאר איינגעשטעלטע וואס ווערן געשעדיגט אדער קראנק אינדרויסן פון זייער ארבעט און קענען נישט ארבעטן. אין אלגעמיין, זענען מערסטנס איינגעשטעלטע וואס ארבעטן פאר פריוואטע ארבעטסגעבער געדעקט פאר דיסאביליטי בענעפיטן איינמאל זיי ארבעטן שוין פאר אן ארבעטסגעבער פאר פיר וואכן. פובליק ארבעטסגעבער קענען פרייוויליג באשליסן צו צושטעלן דעקונג פאר זייערע איינגעשטעלטע.

### קעש בענעפיטן

דיסאביליטי בענעפיטן קעש בענעפיטן זענען 50% פון אן איינגעשטעלטע'ס AWW, ביז צו א מאקסימום פון 170.00 דאלאר א וואך. פאר דיסאביליטי בענעפיטן, איז די AWW באזירט אויף אן איינגעשטעלטע'ס געהאלט פון די אכט וואכן פון ארבעט איידער די לעצטע טאג וואס ער האט געארבעט. בענעפיטן ווערן באצאלט פאר ביז 26 וואכן פון דיסאביליטי במשך 52 נאכאנאנדע וואכן. עס איז דא א זיבן-טאג ווארט-צייט פאר בענעפיטן; בענעפיטן פאנגען זיך אן אויף די אכטע נאכאנאנדע טאג פון דיסאביליטי. דיסאביליטי בענעפיטן קעש בענעפיטן זענען אויסגעשטעלט צו סאושעל סעקיוריטי שטייערן

## באצאלטע פאמיליע אורלויב

ניו יארק סטעיט באצאלטע פאמיליע אורלויב (Paid Family Leave, PFL) אינשורענס שטעלט צו ארבעט-באשיצטע, באצאלטע אורלויב צו:

- **בויען א קשר** מיט א ניי געבוירענע, אדאפטירטע, אדער פאסטער קינד,
- **זיך אפגעבן מיט** א פאמיליע מיטגליד מיט אן ערנסטע געזונטהייט פראבלעם, אדער
- **ארויסהעלפן** באליבטע ווען א מאן/ווייב, דאמעסטישע שותף, קינד אדער עלטערן ווערט געשיקט קיין אויסלאנד אויף אקטיווע מיליטערישע דינסט.

מערסטנס איינגעשטעלטע וואס ארבעטן פאר פריוואטע ארבעטסגעבער אין ניו יארק סטעיט זענען געדעקט פאר PFL, און די צייט וואס פובליק ארבעטסגעבער קענען פרייוויליג באשליסן צו צושטעלן דעקונג. יוניען-רעפרעזענטירטע פובליק איינגעשטעלטע קענען מעגליך זיין געדעקט אויב מען האט אויסגעארבעט די בענעפיטן דורך געמיינזאמע פארהאנדלונגען. געדעקטע איינגעשטעלטע מוזן נאכקומען געוויסע באדינגונגען צו באקומען PFL: פול-טיים ארבעטער מוזן שוין האבן געהאט געארבעט פאר זייער ארבעטסגעבער פאר 26 נאכאנאנדע וואכן, בשעת וואס פארט-טיים איינגעשטעלטע מוזן שוין האבן געהאט געארבעט פאר זייער ארבעטסגעבער פאר 175 טעג, וואס דארפן נישט זיין נאכאנאנד.

### אורלויב & געהאלט בענעפיטן

PFL שטעלט צו ביז 12 וואכן פון ארבעט-באשיצטע אורלויב, ביי 67% פון אן איינגעשטעלטע'ס AWW, ביז א מאקסימום פון 67% פון די NYSAWW. די NYSAWW ווערט באשטימט דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר יעדע יאר.

די AWW איז די דורכשניט פון אן איינגעשטעלטע'ס לעצטע אכט וואכן פון ארבעט איידער נעמען PFL, אריינגערעכנט באנוסעס און קאמישענס. צוועלף וואכן איז די מאקסימום צייט פון אורלויב וואס קען גענומען ווערן אין א 52-וואכן צייט אפשניט. די מאקסימום צאמגעשטעלטע בענעפיטן פון PFL און דיסאביליטי בענעפיטן איז 26 וואכן אין א 52-וואכן צייט אפשניט.

איר קענט זען די יעצטיגע מאקסימום בענעפיטן און נאך איינצלהייטן אויף paidfamilyleave.ny.gov.

די ניו יארק סטעיט ארבעטער'ס פארגיטיגונג באורד טוט באשיצן די רעכטן פון איינגעשטעלטע און ארבעטסגעבער דורך פארזיכערן די פאסיגע פארטיילונג פון בענעפיטן און דורך שטיצן דאס איינהאלטונג פון די געזעץ. צו לערנען מער איבער די באורד, באזוכט wcb.ny.gov. שרייבט זיך איין פאר באורד מעלדונגען אויף: wcb.ny.gov/Notify.



YI-WCB-WC-DB-PFL-Benefits-fs-v6 8-25 Yiddish